פרשת ויטלח תשפ"ג
גליון 52

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ה' פרשת ויחי, ט"ז טבת, שנת תשפ"א לפרט קטן

*לכבוד די תלמידות בית פיגא וויליאמסבורג און תלמידות בית פיגא ליבערטי שתחיו*

איך בין זייער צופרידן צו הערן פון די מנהלת און די לערערינס גוטע גריסן פון אייך, בעיקר פון די דרך ארץ; ווייל ביים רבי'ן איז געווען דרך ארץ דאס ערשטע זאך. דער רבי האט געזאגט: "איך קען יעדן איינעם העלפן, איך קען יעדן ליידן – אויסער אן עזות פנים".

דרך ארץ הייבט זיך אן אין שטוב מיט טאטע מאמע; עלטערן זענען נישט קיין חברים, מען קען נישט רעדן צו עלטערן אזוי ווי מען רעדט צו חבר'טעס, מען דארף רעדן מיט דרך ארץ, אויסהערן וואס זיי זאגן און נישט גיין אין וויכוחים.

אזוי אויך אין סקול; מען מוז רעדן מיט דרך ארץ צו די לערערינס און צו די מנהלת, און אזוי ווייטער מיט יעדן דערוואקסענער מענטש. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפ'ן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" – זאלסט זען עס זאל ארויסקומען א קידוש השם דורך דיר, דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", ווי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה; אויף איינעם וואס פירט זיך ערליך זאגט מען: קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך, אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אזא איינעם.

ווען מען פירט זיך שיין איז דאס די גרעסטע הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

## חלק ו'

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן. אוּן צוּם סוֹף יָאר דֶער אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. הָאט עֶר גֶעפַּאסְט. אוּן הָאט נִיט גֶעשְׁלָאפְן. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן. אוּן אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען (הַיְינוּ צוּ דֶער בַּת מֶלֶךְ זִי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען) הָאט עֶר דֶערְזֶען אַ בּוֹים אוֹף דֶעם בּוֹים הָאבְּן גֶעוָואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶפְּל, הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט אוּן אִיז גְעגַאנְגֶען. אוּן הָאט גְעגֶעסֶען פוּן זֵיי.





תֵּיכֶּף וִוי עֶר הָאט גֶעגֶעסֶן דֶעם עֶפְּל. אִיז עֶר אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁלָאף. אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט.
הָאט דֶער מְשָׁרֵת אִים גֶעוֶועקְט, אוּן עֶר הָאט אִים נִיט גֶעקָאנְט דֶערְוֶועקְן, דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף. פְּרֶעגְט עֶר דֶעם מְשָׁרֵת. וִוי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט. עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָה שָׁנִים. אַז דוּ שְׁלָאפְסְט. אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶועוְן פוּן דִי פֵּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועןְ.

פארזעצונג קומט אי"ה

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### רייצי וועבער דערציילט:

איך האב זיך נישט אזוי גוט געפילט, און איך בין געגאנגען צו די דאקטער. די דאקטער האט געזאגט אז עס וועט נעמען א וואך צייט ביז איך וועל אינגאנצן פילן גוט. איך האב אבער זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שנעל פילן בעסער, און ש'כח אייבערשטער אז די נעקסטע צופרי בין איך אויפגעשטאנען געזונט און פריש!

### ברכה קורץ דערציילט:

איין טאג בין איך נישט געווען פריילעך, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל ווערן פריילעך ווייל אויב מען איז אין א שלעכטע גוסטע איז מען ביי די יצר הרע, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין געווארן אזוי פריילעך!

### שפרה פעלבערבוים דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען און איך זאל וועלן גיין שלאפן פרי, און ש'כח אייבערשטער אז די לעצטע וואך צייט בין איך יעדן טאג געגאנגען שלאפן פרי! נאר וועגן מיינע תפילות!

# בית פיגא קאך

## Crinkle Cookies

**Ingredients:**

2 cups flour

¾ cup cocoa

¾ cup oil

4 eggs

2 cups sugar

2 tsp baking powder

2 tsp vanilla sugar

Confection sugar

**Directions:**

Mix all ingredients and freeze for an hour.

Roll into balls, dip into confection sugar, and bake on 350 for 8-10 minutes.

געדענקט צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל גוט געלונגען!



# א שמועס אין בית פיגא

**די וואך האבן מיר אפגעהאלטן א אינטערעסאנטע שמועס מיט א חשובע בית פיגא תלמידה 'שפרה פעלבערבוים'.**

**א גוטן! ווי אזוי הייסטו און אין וועלכע סקול גייסטו?**
איך הייס שפרה פעלבערבוים, איך גיי אין בית פיגא סקול אין קרית ברסלב ליבערטי.

**ווען האסטו אנגעהויבן לערנען אין בית פיגא סקול?**
זומער תש"פ בין איך געווען אין בית פיגא מיידל קעמפ, איך האב אזוי הנאה געהאט און אזוי שטארק געוואלט בלייבן... שפעטער האבן אונז געמופט פון טאהש צו די ברסלבע שטעטל, און דעמאלטס בין איך אריין אין בית פיגא סקול, ב"ה.

**וואס קענסטו דערציילן וועגן בית פיגא?**
צו גיין אין בית פיגא איז א מחי'! מען לעבט מיט די אייבערשטער! אזוי ווי עס איז באקאנט די מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו. אלץ אינגערמאן איז ער געפארן צו זיין הייליגער רבי דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו און דארט געלערנט פאר עטליכע יאר, ווען ער איז אהיים געקומען האט אים זיין שווער געפרעגט: "וואס האסטו געלערנט ביי דיין רבי'ן?" האט ער געזאגט: "איך האב געלערנט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט", האט דער שווער אים אויסגעלאכט און געזאגט: "ווער ווייסט דען נישט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט?! איך וועל רופן די דינסט און איר פרעגן צי זי ווייסט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועט זי אויך וויסן", אזוי האט ער געטון און די דינסט רופט זיך אן: "וואסערע פראגע איז דאס? אודאי איז דא א גאט אויף דער וועלט, האט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע געענטפערט פאר זיין שווער: **"יא יא, זי זאגט אז עס איז דא א גאט** אויף דער וועלט, **אבער איך לעב מיט דעם"**.
דא אין בית פיגא האב איך זיך אויסגעלערנט צו לעבן מיט אמונה, צו לעבן מיט די אייבערשטער, וואס איך דארף בעט איך פון די אייבערשטער און די אייבערשטער העלפט מיך!

**וועלכע דריי ווערטער שטייט דא געשריבן?**







**דורך: רחי שפילמאן**

## מזל טוב!

**עליזה מזרחי**

**איר מאמע האט געבוירן א מיידל בעיבי!**